**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 7/25/2025 **גאווערנער קעטי האקול**

**'אוועקגיין פון די סקרין, ארויסגיין אינדרויסן': גאווערנאר האקול מעלדט אפיציעלע עפענונג פון ווילקסען פאוינט אויף באפעלאו'ס אוטער הארבור**

***פארבעסערונגען צום ארט האבן ארייננגערעכנט אויסגעברייטערטע וואסער-ברעג אקטיוויטעטן און די נייע Perro & Poni רעסטעראנט וואס קומט באלד***

***זעהט בילדער צו באקומען [דא](#)***

גאווערנאר Kathy Hochul (קעטי האקול) האט היינט געמאלדן די אפיציעלע עפענונג פון די 11 מיליאן דאלאר ווילקסען פאוינט פארבעסערונגען פראיעקט מיט די "Perro & Poni" רעסטערראנט וואס קומט באלד אויף באפעלאו'ס אוטער הארבור. ארבעטנדיג אינערהאלב אן אומגעפער זיבן-עיקער שטח, איז די ארט צווישן וואטער'ס עדש ביי ווילקסען פאוינט און די דערנעבנדע פורמען בולעווארד ארייננגאנג אריבער פארעכטונגען אויסצובררייטערן צוטריט צו די וואסער-ברעג ארט און פארבעסערן די באזוכער איבערלעבעניש. א נייע רעסטעראנט, אנגעפירט דורך די טיעם וואס שטייט אונטער באפעלאו'ס באקאנטע Dog & Pony Saloon, עפענט זיך באלד מיט א רואיגע ביר גארטן, וואס וועט האבן טישן אויפ'ן זאמד ווי אויך א פעדטיאו דעק און הערליכע סצענעס פון די וואסער.

"ווילקסען פאוינט איז געווען איינער פון באפעלאו'ס מערסט באליבטע ערטער וואו זיך אויסצולופטערן און פארברענגען פאר איבער צעהן יאר," **האט גאווערנאר Hochul (האקול) געזאגט.** "יעצט, צו איר טרעפט זיך מיט פריינד, האט האנה פון א דרויסנדיגע שפאציר, אדער באטראכט דעם זון אונטערגאנג, טוט די נייע רעסטעראנט און אויסגעברייטערטע וואסער-ברעג צוטריט מאכן ווילקסען פאוינט פאר אן אויסגעצייכנטע דרויסנדיגע דעסטינאציע."

בשעת'ן זיין אין באפעלאו, האט גאווערנאר Hochul (האקול) אויך געמאלדן אז Victory Cruise Lines, Inc., וואס פירט אן צוויי 200-פאסאנדשיר שיפן אויף די גרעיט לעיקס, האט געשיקט א בריוו פון פארפליכטונג צום סטעיט אין וואס זיי שרייבן אז זיי פלאנען צוצולייגן באפעלאו צו זייער קרוז אייטינערי פון 2027 און ווייטער. די [גאווערנאר האט אין די פארגאנגענהייט געמאלדן אז די סטעיט רוקט זיך פאראויס מיט פלענער צו ברענגען גרעיט לעיקס קרוזעס קיין באפעלאו](#). די פארפליכטונג פון Victory Cruise Lines ווענדט זיך אין די פארענדיגונג פון די טערמינאל איינריכטונגען אין באפעלאו, ווי אויך אין צופרידנשטעלנדע טערמינען אנבאלאנגט Victory Cruise Lines' באניץ פון די סי-וואל מורינג. ביי א יוני 2025 אירי קאנאל האפן אנטוויקלונג קארפערעציע (Erie Canal Harbor Development Corporation) באורד צאמקום, האט די באורד באשטעטיגט א 1.65 מיליאן דאלאר קאנטראקט פאר ארקיטעקטשורעל און ענדשינירינג דעזיין און איפבוי עדמיניסטרעישען פאר א טערמיאנל אויף די אוטער הארבור. בוי ארבעט אויף די נייע קרוז שיף טערמינאל איז ערווארטערט זיך אנצופאנגען אנהויב קומענדיגע יאר און זיין פארענדיגט אינמיטן 2027.

מיט די עפענונג פון ווילקסען פאוינט, וועט Perro & Poni צושטעלן א מעניו מיט שטארקע, טעקס-מעקס טעמ'ן און עסנווארג סערווירט פרישערהייט ביי די לעיקסייד קאונטער-סערוויס רעסטעראנט. פונקט גוט פאר א שנעלע איבערבייס פאר באזוכער, וועט Perro & Poni אויך האבן א פולע באר מיט אן אויסוואהל פון אייגנארטיגע טעקילע, פארפרוירענע און ביר קאקטעילס, א אין-איין-טוישנדע אויסוואהל פון לאקאלע קרעפט בירן, און דערפרישנדע נישט-אלקאהאלישע אפציעס. זעהט די מעניו דא.

געמאלדן דורך גאווערנאר Hochul (האקול) אין 2022 אלס איינער פון אפאר באדייטנדע באפעלאו וואסער-ברעג פראיעקטן ווענמס פארענדיגונג ווערט פארשנעלערט, האבן די ווילקסען פאוינט פארעכטונגען זיך אונגעהויבן אין סעפטעמבער 2023. אין צוגאב צו די נייע עסן סערוויס געביידע, טוען די פארעכטונגען וואס זענען געמאכט געווארן צו די 7-עיקער ארט אריינרעכענען:

- באזוכער זיכערהייט מאסנאמען, א שטייגער ווי אריבערגעפירטע פארקינג ערטער וועלכע זענען ווייטער אוועק פונעם וואסער און פון די ארט'ס פיסגייער טרעיל
- רעסטרומס און סטארעדש פאר די אפעראציעס פארוואלטונג טיעם
- א נייע דרויסנדיגע ארט צו זיצן
- אריבערגעפירטע און געהעכערטע טרעילס נעבן די וואסער ברעג
- פארבעסערטע לענדסקעיפינג, וואס נעמט אריין נאטורליכע פלאנצונגען און שאפט פעלדער, גראזיגע ערטער, און פאלינעיטער פעלדער

פארוויילונג אקטיוויטעטן האבן זיך צוריקגעקערט צום פארק מיט וואליבאל קאורטס, אן אפענע פעלד ארט, און א נייע פארק גאלף לאקאציע, ווי אויך קעיאק און ביציקל רענטעלס און פראוגרעמינג דורכאויס דעם זוממער. באפעלאו וואסער-ברעג (Buffalo Waterfront) האט קא-ארדערנירט א פולע אקטיוויטעטן לוח וואס נעמט אריין וואליבאל געימס, פיטנעס פארזאמלונגען, און א לעבעדיגע מוזיק סעריע אין צוגאב צו די טאג-טעגליכע באקוועמליכקייטן אינעם פארק, וואס וועלן צוגעבן צו די אנקום פון Perro & Poni. נאך אינפארמאציע קען מען טרעפן אויףwww.buffalowaterfront.com.

**Dog & Pony Saloon דשענערעל מענעדשער Suzanne Shatzel (סוזען שעטסעל) האט געזאגט,** "מיר זענען אזוי צופרידן צו בויען אויף די הצלחה פון Dog & Pony Saloon אין סאוט באפעלאו און עפענען Perro & Poni ביי ווילקסען פאוינט. Perro & Poni וועט ברענגען פרישע, טעקס-מעקס טעמ'ן צו די אוטער הארבור און צושטעלן א פרייליכע נייע רעסטעראנט איבערלעבעניש פאר באזוכער ביי איינער פון די בעסטע אפשטעל פונקטן לענגאויס באפעלאו'ס הערליכע וואסער-ברעג."

**עמפייער סטעיט אנטוויקלונג (Empire State Development) פרעזידענט, CEO און קאמישענער Hope Knight (האופ נייט) האט געזאגט,** "מיט פרישע אפציעס פאר עסן, פארוויילונג, און אויסלופטערונג, איז די פארבעסערטע ווילקסען פאוינט אן אויסערגעווענדליכע ארט וואו צו הנאה האבן פון באפעלאו'ס אוטער הארבור סצענעס און נאטורליכע שיינקייט. די פראיעקט טוט פארבעסערן א לאנג-יעריגע באליבטסטע ארט פאר מערב ניו יארקער איינוואוינער, און טראנספארמירט עס צו א דעסטינאציע וואס יעדער מוז באזוכן, ווייטער רוקנדיג די סטעיט'ס ארבעט צו אויפלעבען באפעלאו'ס אויסערגעווענדליך שיינע וואסער-ברעג."

**אירי קאנאל האפן אנטוויקלונג קארפעראציע פאריצער Joan Kesner (דשאוען קעסנער) האט געזאגט,** "אין די צייט פון די אפיציעלע עפענונג פון די פארבעסערטע ווילקסען פאוינט, האבן מיר געטוהן די כמעט-אוממעגליכע: געמאכט איינער פון די בעסטע פלעצער אין מערב ניו יארק, נאך בעסער. גאווערנאר Hochul (האקול) האט געמאכט די וואסער-ברעג פראיעקט פאר איינער פון איר פריאריטעטן, און די רעזולטאט אין נאך א וואסער-ברעג ארט פון וואס מיר קענען זיין שטאלץ. מאכט זיכער אז

אראפקומען צו די אוטער הארבור — פאר א דערפרישנדע טרינק, אויסצופראבירן שפילן פארק גאלף, דינגען א קעיאק, אדער פאר איינער פון די פילע אנדערע אקטיוויטעטן — ליגט אויף אייער 2025 באקעט ליסטע."

פינאנצירונג פאר די פראיעקט קומט פון די ניו יארק פאוווער אטאריטעט (New York Power Authority, NYPA), דורך ריליייסענסינג אפמאכונגען פארבינדן צו די אפערירונג פון די ניאגרא פאוווער פראעיקט.

**ניו יארק פאוווער אטעריטעט פרעזידענט און CEO Justin E. Driscoll (דשאסטין א. דריסקאל) האט געזאגט,** "באפעלאו'ס אוטער הארבור איז אלעמאל געווען איינער פון די בעסטע פלעצער וואו צו הנאה האבן פון די ראיאן'ס הערליכע סצענעס און נאטורליכע שיינקייט. דורך נאנט צו 155 מיליאן דאלאר אין פאוווער אטאריטעט פינאנצירונג שטיצע פאר EDHDC, אריינגערעכנט 38 מיליאן דאלאר פאר די אוטער הארבור, טוט ווילקסען פאוינט יעצט פארמאגן ערשט-קלאסיגע באקוועמליכקייטן וועלכע טוען פארבעסערן די באזוכער איבערלעבעניש, צושטעלנדיג נייע געלעגנהייטן צו עסן, פארוויילן, און זיך אויסלופטערן אין א הערליכע וואסער-ברעג ארט."

ווילקסען פאוינט איז ערשט אוועקגעשטעלט געווארן אין 2013 אלס אן ארט גלייך צום דרום פון טיימס ביטש, אויף שטחים וועלכע זענען אמאל געניצט געווארן צו האלטן ניו יארק פאוווער אטאריטעט (NYPA) אייס בום, צוזאמען מיט א געוועזענע פריוואטע וועלדינג און שיף פארעכטונג ביזנעס. א 5 מיליאן דאלאר סטעיט קאפיטאל אינוועסטירונג האט געשטעלט א סאויל קעפ אויף געגענטער אינעם ארט צו עפענען די פראפערטי פאר פובליק באניץ פאר די ערטשע מאל אים דעם שטח'ס היסטאריע, מיט א נעטווארק פון ביציקל און פיסגייער פעטוועיס, א קעיאק לאונטש און פישינג פיער, שפיל-ארט, באקוועמליכקייט סטאנציע, פארזאמלונגען פעלד, פארקינג איינריכטונגען, און רידשענערעיטיוו לענדסקעיפינג וואס באניצט זיך מיט פלאנצונגען וועלכע זענען נאטורליך צום געגנט און מיט גרינע אינפרעסטראקטשער ווי בייאוסוועילס. די גרעניץ פונעם פראפערטי איז באפעסטיגט געווארן מיט שווערע שטיינער צו פארעכטן פריערדיגע כוואליע שאדן, אין די צייט וואס ווינט סקאלפטשערס זענען געשטעלט געווארן אויף די 'פאוינט' צו פייערן דעם ארט'ס גאנץ-יעריגע ווינטן.

**סטעיט סענאטאר April N.M. Baskin (עיפריל נ. מ. בעסקין) האט געזאגט,** "אין 12 יאר, איז די טראנספארמירונג פון ווילקסען פאוינט ווערד באגריסט צו ווערן און ארויפגעקוקט ווערן. איינוואוינער און באזוכער צוגלייך קענען זיין שטאלץ פון די פארבעסערטע צוטריט צו די וואסער-ברעג, די איניוואטיווע וועגן וויאזוי געוועזענע אינדוסטריאלע ערטער ווערן אריבערגעטוישט פאר פארוויילונג באניץ, און די אויסגעברייטערטע אונטערהאלטונג, אקטיוויטעטן, און עסן אפציעס. איך קוק ארויס אהערצוברענגען מיין פאמיליע און מיטטיילן די איבערלעבעניש מיט די קאמיוניטי און טוריסטן וועלכע אנטדעקן אונזער הערליכע ראיאן."

**אסעמבלי מיטגליד Jon D. Rivera (דשאן ד. ריווערע) האט געזאגט,** "דורכאויס די לעצטע צעהן יאר, און מיט געלונגענע סטעיט פירערשאפט, האבן מיר גענומען גרויסע שריט צו ווידער-פארבינדן באפעלאו קאמיוניטיס מיט אונזער וואסער-ברעג, און די טראנספארמירונג פון ווילקסען פאוינט שטייט ארויס אלס א שיינענדעביישפיל פון וואס דורכגעטראכטע, קאמיוניטי-געצילטע אינוועסטירונגען קענען דערגרייכן. די פארבעסערונגען טוען נישט בלויז אויסברייטערן פובליק צוטריט און פארבעסערן זיכערהייט, נאר טוען אויך גענצליך איבערטוישן די אוטער הארבור אלס א דינאמישע דעסטינאציע פאר פארוויילונג, אויסלופטערונג, און קליינע ביזנעס. מיט די פרישע חלקים און פארבעסערונגען, וועלן באזוכער יעצט האבן נאך א בעסערע סיבה זיך צאמצוקומען, זיך באקענען מיט, און הנאה האבן פון אלס וואס די אויסערגעווענדליכע וואסער-ברעג האט צו פארקויפן."

**אירי קאונטי עקזעקיוטיוו Mark C. Poloncarz (מארק סי. פאולאנקארץ) האט געזאגט,** "ווילקאמען פאוינט שטעלט צו געלעגנהייטן פאר הערליכע סצענעס און וועט ווערן א מערסט-באליבטע ארט פאר מענטשן וואס זוכן אקטיווע ווי אויך פאסיווע פארוויילונג געלעגנהייטן. איך דאנק גאווערנאר Hochul (האקול) פאר'ן שתדל'ן פאר די פינאנצירונג פאר די פראיעקט כדי אז אירי קאונטי איינוואוינער און באזוכער צו אונזער ראיאן זאלן קענען הנאה האבן פון פארבעסערטע צוטריט צו די וואסער-ברעג דעסטינאציע."

**באפעלאו מעיאר Christopher P. Scanlon (קריסטאפער פ. סקענלאן) האט געזאגט,** "ווילקאמען פאוינט איז געווארן איינער פון באפעלאו'ס מערסט באקאנטע וואסער-ברעג דעסטינאציעס, און די נייע פארבעסערונגען טוען רעפרעזענטירן א גרויסע שריט פאראויס אין אונזער סיטי'ס וואסער-ברעג טראנספארמירונג. א דאנק גאווערנאר Hochul'ס (האקול) פירערשאפט, די אינוועסטירונגען פון די ניו יארק פאווער אטאריטעט, און די איבערגעגעבענע ארבעט פון די אירי קאנאל האפן אנטוויקלונג קארפעראציע, טוען מיר געבן פאר איינוואוינער און באזוכער נאך א בעסערע סיבה זיך צו באקענען מיט און הנאה האבן פון די אוטער הארבור. מיט פארבעסערטע פארוויילונג באקוועמליכקייטן, נאטורליכע לענדסקעיפינג, און די פרייליכע נייע Perro & Poni, טוט די פראיעקט רעפלעקטירן אונזער געמיינזאמע וויזיע פון א לעבעדיגע, אינקלוסיווע, און צוטריטליכע וואסער-ברעג וואס טוט פייערן באפעלאו'ס נאטורליכע שיינקייט און עקאנאמישע ווידער-אויפשטייגונג."

**איבער ערי קאנאל האפן דעוועלאפמענט קארפאראנעשען**

דער ערי קאנאל האַרבאָר אנטוויקלונג קארפארעישען ( Erie Canal Harbor Development Corporation, ECHDC) ווערט געפירט דורך א ניין-מיטגלידערדיגע באָורד וואס באשטייט פון זיבן שטימער דירעקטארס און צוויי נישט-שטימענדע, עקס-אפיסיא דירעקטארס. די זיבן שטימער דירעקטארס ווערן רעקאמענדירט דורך דער ניו יארק סטעיט גאווערנער און באשטימט דורך דער ניו יארק סטעיט אינער-שטאטישע אנטוויקלונג קארפארעישען d/b/a ׳עמפייער סטעיט דעוועלאפמענט׳ אלס איינציגער שעירהאלטער פון ECHDC. די צוויי דירעקטארס פון אנדערע אפיסעס זענען די ערי קאונטי עקזעקיוטיוו און די באפעלאו סיטי מעיאר.

אלץ אן אונטערגעבויגענע קערפערשאפט צו די עמפייער סטעיט דעוועלאפמענט – די סטעיט'ס הויפט עקאנאמישע אנטוויקלונג אגענטור – שטיצט די ערי קאנאל האפן דעוועלאפמענט קארפארעישען און זי שטופט פאר דאס אויפבויען אינפראסטרוקטור און פובליק אקטיוויטעטן ביי Canalside, די Ohio Street שטרעקע און די דרויסנדיגע האפן וואס ציהט צו קריטישע מאסן פריוואטע אינוועסטירונגען און פארמערן די הנאה וואס די וואסער ברעגעס גיבן פאר איינוואוינער און טוריסטן אין מערב ניו יארק. זייער חלום איז צו אויפלעבן מערב ניו יארק'ס וואסער ברעג און צוריקברענגען עקאנאמישע וואוקס צו באפעלאו וואס איז געבויט אויף די ראיאן'ס היסטאריע פון שטאלץ, פון שטאטישקייט און נאטורליכע שיינקייט. פאר מער אינפארמאציע, באזוכט [דא](#).

**איבער באפעלאו וואסער-ברעג**

באפעלאו'ס וואסער-ברעג איז א וואקסנדע ראיאנישע דעסטינאציע און אונטערהאלטונג דיסטריקט וואס נעמט אריין קענעלסייד און אוטער הארבור. די באפעלאו וואסער-ברעג האלט אפ גרויסע פארזאמלונגען און אלע סארטן טעגליכע אקטיוויטעטן, און שטרעבט צוצושטעלן פובליק צוטריט צו די לאנד און וואסערן ביי די לעיק אירי וואסער-ברעג. אנגעפירט דורך די Buffalo Waterfront Management Group, א חלק פון די Rich Entertainment Group — אן אפצווייג פון Rich Products, איז די באפעלאו וואסער-ברעג די פלאץ צו גיין פאר לאקאלע איינוואוינער און דרויסנדע איינוואוינער פון אלע יארגענג צו לערנען, שפילן, און זיך אויסלופטערן. פאר מער אינפארמאציע, באזוכט [www.buffalowaterfront.com](http://www.buffalowaterfront.com).

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418
שרייבט זיך איין צו באקומען די לעצטע נייעס פון די גאווערנער'ס אפיס: ny.gov/signup | טעקסט די ווערטער NEW YORK צו 81336

זיך ארויסשרייבן